ת"ת תורה ויראה
דרב"י מסאטמאר
קרית יואל
בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

בעזהשי"ת

# זקניך ויאמרו לך

גליון
תתק"ט
פרשת נח
שנת תשפ"ו לפ"ק


ז' תרי) עס דערציילט אונזער זיידע
**כ"ק אדמו"ר ר' מאיר יעקב כהנא שליט"א מספינקא–סוליצא** בני ברק

## קדש לי כל בכור

איך האב געהערט פון הרה"ח ר' פסח סעגאל הי"ו פון די נאנטע מקורבים צו כ"ק זקיני הרה"ק ר' **נחמן כהנא זלה"ה מספינקא ב"ב**, וואס ער האט געהערט פונעם זיידן וואס האט פאסירט אין איינע פון די תש"י יארן.

געווען איז דאס אין יענע ערשטע יארן ווען דער זיידע ז"ל איז ארויפגעקומען קיין ארץ ישראל, און איז געווארן אויפגענומען אלס רב אינעם שטעטל 'מסמיע' (בני ראם), האט זיך געמאכט ביי א פארמער וואס האט געהאט א שטאל פון בהמות, א שאלה פון א 'בהמה המבכרת', ד.ה. א בהמה וואס האט געהאלטן ביים געבוירן א 'בכור', וואס דאן איז זייער שווער פארצווייגט די הלכות ווי אזוי מ'דארף זיך אפגעבן מיט דעם בכור.

דער סדר איז געווען ביז דעמאלט ביי אזא פאל פלעגט מען רופן א אראבער פון די דערנעבנדיגע ישובים, און מען פלעגט אים מקנה זיין די בהמה, אזוי איז נישט געווען קיין שאלות.

איז אבער געווען איינע פון יענע יארן וואס איז געווען זייער אנגעצויגן מיט די אראבער און מען האט נישט געלאזט פאר אידן צופארן צו די אראבישע דערפער, און די זעלבע צייט האט מען נישט געלאזט אז אראבער זאלן קומען צו די אידישע ישובים.

איז דער איד, דער בעל השאלה, אראפ געפארן צום חזון **איש זלה"ה** און ער האט אנגעפרעגט לדעת את המעשה אשר יעשון. דער חזון איש האט געזעהן דעם שווערן מצב כמות שהוא, האט ער אים אויסגעשטעלט עפעס א מהלך 'בדוחק' ו'בדיעבד' 'בלית ברירה'.

ווען דער איד איז צוריק געקומען צום זיידן דער ספינקער רבי און דערציילט די עצה פונעם חזון איש, איז ער געווען זייער אומצופרידן פון דעם, ווייל ער האט געוואלט אז אלעס זאל זיין אויסגעהאלטן הונדערט פראצענט מיטן שו"ע, מיט אלע שוועריגקייטן.

איז ער געגאנגען צו די שומרים פונעם שטעטל מיט וועמען ער איז געווען באפריינדעט, און זיי האבן געהאט א ערלויבעניש אריינצופארן צו די אראבישע דערפער, און זיי זענען צוגעפארן אינעווייניג, מען האט גערופן איינעם אין אים פארשטעלט פאר א איד, אין געברענגט צום רב ווי מען האט געמאכט אלע קנינים כדת וכדין, און מען האט אים נאכדעם צוריק געטראגן.

א שטיק צייט שפעטער האט דער חזון איש געטראפן דעם זיידן האט ער אים געפרעגט וואס ער האט געטוען למעשה? ווען דער זיידע האט אים פארציילט וואס ער האט געטון איז ער מורא'דיג נתפעל געווארן און געזאגט: **אז איר וועט אזוי טון, דאס איז מיר נישט בייגעפאלן.**

ז' תריא) עס דערציילט אונזער זיידע
**הרה"ח ר' נפתלי בראווער הי"ו**

## דעם רבי'נס פארהער

איך האב זוכה געווען צו שטיין מערערע מאל צום פארהער ביי **כ"ק מרן רבינו הק' זלה"ה**. אויך ביים לעצטן פארהער ליל שישי משפטים תשכ"ח - די לעצטע נאכט בעפאר דער רבי האט ל"ע געכאפט דעם סטראוק - האב איך זוכה געווען דארט צו זיין.

מ'האט געזעהן בחוש ביי יעדן אז דער רבי האט אפגעמאסטן א בחור מיט א בליק, און אויף די מינוט האט ער ארויסגעהאט דעם כשרון פונעם בחור, און לויט דעם האט ער געפרעגט די שאלות.

איך האב געזעהן אמאל האט דער רבי איין וואך נישט פארהערט, א וואך שפעטער ווען דער רבי איז געקומען פארהערן האט ער אנגעהויבן צו פרעגן פונעם שיעור פון די פאריגע וואך, און א בחור האט נישט געקענט ענטפערן, האט ער זיך פארענטפערט אז מ'האט שוין געלערנט דעם שיעור פאריגע וואך.

פרעגט אים דער רבי "אז מ'האט געלערנט א וואך פריער, דארף מען נישט קאנען?".

א צווייטן מאל האט דער רבי געפרעגט פון א בחור א רא"ש, דער בחור האט נישט געוואוסט צו זאגן, האט דער רבי אים געפרעגט "דעם רא"ש דארף מען נישט קאנען"?!...

כידוע פלעגט דער רבי לייגן א דגוש אז מ'זאל לערנען דעם שיעור מיטן רא"ש, ער פלעגט זאגן בבדיחותא "מ'דארף לערנען מיטן רא"ש"... (תרתי משמע)

ז' תריב) עס דערציילט אונזער זיידע
**הרה"ח ר' שלום אליעזר פראנקעל הי"ו** גזבר קהל יט"ל

## ותהי מיטתי שלימה

אין די לעצטע יארן פון הרה"ק **רבי איציקל מפשעווארסק זלה"ה** האט ער געהאט גרויסע יסורים ה"י, און מ'האט אים געהאט געברענגט אין שטוב א שפיטאל בעט, וואס ער האט דעמאלטס גענוצט. לאחר פטירתו איז דאס בעט געבליבן א לענגערע צייט ליגן אין זיין צימער, ביז ווען מ'האט איבערגעבויעט די דירה האט דאס הרה"צ רבי משה אהרן רייך ז"ל ארויפגענומען צו זיך אין שטוב, ווענדיג האלטן בקדושה דעם חפץ פונעם צדיק.

איך האב געהערט פון א איד אז זיין פאטער הרה"ח ר' ד. ג. ע"ה פון שווייץ איז נישט געזונט געווען בסוף ימיו, און בעיקר איז ביי אים געווען גאר שווער זיך אריינצולייגן אין בעט, דאס האט אים געקאסט יסורים נוראים ה"י. איינמאל איז ער געקומען צו פארן צו **הרה"ק רבי יענקעלע ז"ל** זיך מזכיר זיין, און זעהנדיג דעם מצב האט ער געפרעגט "וואו וועט מען אים לייגן?", האט זיך רבי משה אהרן אנגערופן מיט א ווערטל "ער קען שלאפן ביי מיר אויבן אין זיידנס בעט"...

כאטש ער האט דאס נאר געזאגט אלס ווערטל האט שוין רבי יענקעלע נישט געלאזט צוריק ציעהן, און ער האט געהייסן אז מ'זאל אים לייגן שלאפן אינעם שפיטאל בעט פון רבי איציקל.

דער זון דערציילט מיר אז די עטליכע טעג וואס ער איז געווען אין אנטווערפן אין רבי איציקלס בעט האט ער נישט געשפירט קיין משהו יסורים, ממש ווי א געזונטער מענטש.

ז' תריג) עס דערציילט אונזער זיידע
**הרה"ג ר' יושע מענדלאוויטש שליט"א** משב"ק

## זוכרי זמירות יזמרו בקול (ג')

מיר זענען ממשיך מיט פארשידענע ענינים איבער 'עבודת הנגינה' ביי **כ"ק מרן רבינו הק' זלה"ה**. ווי דערמאנט אז רבנים ובנש"ק וואס האבן געדאווענט ביים רבי'ן, און זיי האבן זיך געפירט לויט זייער נוסח האט דאס דעם רבי'ן נישט געשטערט, נאר אדרבא, מ'האט כמה פעמים געזעהן ווי ער האט הנאה.

ח. איינמאל אין יו"ט איז דא געווען צוגאסט **דער ווייצענער רב הגה"צ רבי צבי הירש מייזליש זלה"ה** פון שיקאגא, און דער רבי האט אים מכבד געווען צו דאווענען שחרית פארן עמוד, און כדרכו האט ער געדאווענט מיט א זעלטענעם געשמאק, און ער האט אויך געזינגען 'תתברך לנצח' אזוי ווי דער רבי פלעגט זינגען, אבער דערנאך האט ער ווייטער געזינגען ביי 'וכולם מקבלים' אזוי ווי מ'האט געטוהן אין צאנז, דער רבי האט הנאה געהאט און גארנישט געזאגט, ס'האט זיך פארשטאנען אז א רב קומט פון דער פרעמד און איז נוהג כמנהגו, האט דער רבי נישט געשטערט.

ט. הרה"ח ר' **ישראל פרנס** ע"ה איז געווען א שיניאווער אייניקל, און ער פלעגט יעדעס יאר דאווענען מוסף שבת פאר די יארצייט פון זיינע עלטערן, און ער פלעגט שטענדיג זינגען '**ישמחו במלכותך**' כמנהג שיניאווא, און דער רבי האט מיטגעהאלטן.

ח. אין די שפעטערע יארן שוין אין קרית יואל, איז אמאל געווען צוגאסט אויף שבת קודש הגה"ח ר' **משה יושע צאנגער** ז"ל, וועלכער איז געווען דער 'כמו רב' אין באבוב'ער שטיבל אין מאנטריאל - א מחותן מיט הרה"ח ר' לייביש לעפקאוויטש ע"ה ראה"ק.

ער איז געווען גאר א שיינער בעל תפלה, האט אים דער גבאי הרה"ח ר' יוסף אשכנזי צוגעשיקט צו שחרית, האט ער געזאגט אז ביי זיי אין באבוב זינגט מען 'ממקומך' יעדע וואך, ממילא האט ער עס נאך קיינמאל נישט 'געזאגט', האט ער פשוט נישט קיין נוסח אויף דעם, ממילא נאר אויב קען ער זינגען 'ממקומך' קען ער צוגיין צום עמוד, אויב נישט וויל ער נישט צוגיין ווייל ער קען עס נישט זאגן, האט ר' יוסף געפרעגט דעם רבי'ן, האט דער רבי געזאגט אז ער קען אים צושיקן און ער קען זינגען ממקומך.

ט. ווען **הרה"צ רבי אורי אשכנזי זצ"ל האדמו"ר מסטאניסלאוו** פון לאנדאן האט חתונה געהאט, ער איז געווארן אן איידעם ביי **האדמו"ר מנאדבורנא חדרה זצ"ל** - וועלכער איז געווען אן איידעם ביי זיין ברודער **האדמו"ר מזוטשקא זצ"ל** - ביידע קינדער פון זקן האדמורי"ם לבית נאדבורנא **הרה"ק רבי איתמר'ל זלה"ה**, איז רביה"ק ז"ל געפארן קיין בארא פארק צו די חתונה.


נתנדב ע"י הרה"ח ר' **יואל** ברמ"ז **פרידריך** הי"ו • לעילו נשמת זקנו הרה"ח מרביץ תורה ויראה ר' **אברהם אליהו** ב"ר **משה** ע"ה (פרידריך) • היארצייט ר"ח חשון

דער רבי איז געווען דער מסדר קידושין, שטייענדיג ביי די חופה האבן די אלע אדמורי"ם מצד הכלה געזונגען דעם באקאנטן הייליגן ניגון פון הרה"ק רבי **מרדכי'לע נאדבורנער** זלה"ה וואס איז ביי זיי מקובל צו זינגען ביי א חופה, און אלע אינאיינעם האבן דאס געזונגען מיט א שטארקע ברען, דער רבי איז געשטאנען א גאנצן צייט אנגעלאהנט אויפן שטעקן אראפגעבויגן דעם קאפ מ'האט געזעהן אז ער איז פארטראכט אינעם ניגון, ווי נאר זיי האבן געענדיגט, האט דער רבי געבעטן פון רבי איתמר'ל וועלכער איז געשטאנען נעבן רבי'ן, איבער צו זינגען דעם ניגון נאכאמאל, זיי האבן עס טאקע איבער געזינגען און דער רבי האט זייער הנאה געהאט דערפון.

י. אין די אנהייב תש"כ יארן האט הרה"ח ר' יוסף אשכנזי ע"ה משב"ק פארפאסט דעם ניגון וואס מיר זינגען היינט אויף 'פתחו לי' ביי הלל, עס איז געווען א ניגון וואס ער האט פארפאסט אויף 'חמול' אין די ימים נוראים.

נאך יו"ט האט ר' יוסף געזעהן אז ס'איז גאר א ספעציעלער ניגון האט ער געפרעגט דעם רבי'ן צי מ'קען דאס אנהייבן זינגען אויף 'פתחו לי' ביי הלל, האט דער רבי געגעבן רשות, נאכן דאווענען רופט אים דער רבי און זאגט אים אז דער ניגון איז צו לאנג "איך האב שוין געענדיגט די ווערטער - פון פתחו לי, ביז אנא ה' הושיעא נא - און מ'זינגט נאך אלס". (כידוע אלע ניגונים ביים רבי'ן איז געווען נאר אזוי לאנג ווי עס האט אים געדויערט צו זאגן די ווערטער מיט זיינע הייליגע כוונות, אבער סתם ווארטן ביז מ'ענדיגט דעם ניגון האט ער נישט געוואלט).

האט ר' יוסף דעמאלט אביסל אראפגענומען דעם ניגון, אז די צווייטע פאל וואס מ'זינגט ביי 'אנא ה' הצליחה נא' צוויי מאל, זאל מען זינגען אנהייב נאר איין מאל, דעמאלטס איז דער רבי געווען צופרידן.

יא. כ'וויל דערציילן נאך א אינטערעסאנט ידיעה. יעדן מוצאי שבת האט דער רבי 'געזאגט' אלע זמירות פאר זיך אליינס, אבער ווען ער איז אנגעקומען צו די שערים ביים זמר 'רבונו של עולם' צו די ווערטער "**ופתח לנו ה' אלקינו** וכו'" האט ער זיך אונטער געזינגען דעם באקאנטן ניגון - וואס מרן הברך משה פלעגט זינגען אויף '**אזמר בשבחין**' - פון דעמאלטס אן ווען די בחורי הישיבה האבן אנגעהויבן צו פראווען מלוה דמלכה'ס אין די ישיבה, האבן די בחורים איינגעפירט אז אינמיטן רבון העולמים - פון ופתח לנו ביז נאך די '**שערים**' - האט מען געטוישט צו זינגען דעם ניגון וואס דער רבי האט געזינגען. און אזוי פירט מען זיך בבתי אנ"ש עד היום.

(**הערה לגליון הקודם:** לשאלת הרבים איבער דעם ניגון פון 'אשרי איש שלא ישכחך': ביי יענעם שמועס מיטן דזיבויער רב האט דער רבי געזאגט (כמעט) בהאי לישנא: "דער טאטע פלעגט גיין א יעדן טאג צום דאווענען האבן זיך דארט געדרייט גוי'שע קינדער אויפן גאס וועלכע פלעגן זינגען א ניגון, האט ער זיך אויסגעלערנט דעם ניגון, און ער האט עס ארויפגעלייגט אויף די ווערטער פון 'אשרי איש שלא ישכחך', אזוי ווי מ'זינגט ראש השנה ביים דאווענען".

מערערע אידן האבן געפרעגט א) דעם ניגון זינגען מיר אויך אויף '**שמחה לארצך**' און '**קדשינו במצותיך**'.

ב) ס'איז ידוע אז דער ניגון איז גאר אן אלטער ניגון, נאך פון פריערדיגע דורות מבית ראפשיץ-צאנז.

על זה אשיב: א' איך האב געשריבן וואס כ'האב געהערט מפ"ק פון **רביה"ק** זלה"ה, און איך באשטעטיגט אז דאס זענען געווען זיינע ווערטער.

ב', אולי קען מען אפשר זאגן ס'איז דא צוויי ענליכע ניגונים. א' דער ניגון וואס מיר זינגען אויף '**שמחה לארצך**' און '**קדשינו במצותיך**' און אויך אויף '**אשרי איש שלא ישכחך**', וואס מענטשן זאגן אז דאס איז גאר אן אלטער הייליגער ניגון. ב' דער ניגון וואס הייבט זיך אן '**אשרי אדם עוז לו בך**', וואס די צווייטע פאל דערפון איז אויף די ווערטער '**אשרי איז שלא ישכחך**', און אט די צווייטע פאל איז ממש די זעלבע ווי דער ערשטער ניגון, עס האט נאר א קליינעם קנייטש אנדערש.

איך אליינס האב אלץ קינד געהערט קליינע שקצים זינגען דעם ניגון אויף גוי'שע ווערטער ווען מיר האבן געוואוינט צווישן גוים אין גרינפוינט נעבן וויליאמסבורג, און שמועה שמעתי אז דער **באבוב'ער רב** רב **כ"ק אדמו"ר** מהר"ש זלה"ה האט עס נישט געלאזט זינגען ווייל ס'איז א גוי'שער ניגון.

יתכן אז אין דעם האט דער הייליגער **קדושת יו"ט** געטראפן א שורש בקדושה אינעם צווייטן פאל, האט ער עס מטהר געווען און אנגעהויבן צו זינגען, אבער דער עולם האט נישט פארשטאנען און מ'האט געזינגען דעם אנדערן אלטן ניגון, דאס איז בדרך אפשר).

**הוספה לסדר ההקפות:** ביי די הקפות שמחת תורה בייטאג פלעגן זיין מערערע בעלי בתים וואס פלעגן טאנצן מיטן טלית אויף די פלייצעס און די שטריימלעך אויפן קאפ, דאס איז אבער שטארק נישט ניחא געווען פארן רבי'ן **כ"ק מרן הברך משה זלה"ה**, ווייל באופן זה איז דאס טאנצן שטארק בעל הבית'יש היפוך פון ווארים און חסיד'יש. האט ער טאקע מגלה געווען דעתו בקודש אז ס'איז אים נישט ניחא ווען איינמאל האט ער געפרעגט איינעם 'פארוואס טוטסטו נישט אן דעם טלית אויפן קאפ אזוי ווי ביים דאווענען?!', דער עולם האט באקומען די ידיעה מפה לאוזן און מ'האט געמאלדן איינער פארן צווייטן, און יעדער האט זיך באפלייסט לעשות רצון צדיק צו פארשטיין אז 'הקפות איז א חלק פון דאווענען', ביז כהיום הזה ווען רוב רובו פונעם ציבור טאנצט טאקע אזוי, און ס'איז טאקע פי כמה חסידיש, ברענעדיג און התלהבות'דיג.

---

ז' תריד) עס דערציילט אונזער זיידע

**הרה"ח ר' ישראל יודא באנדא שליט"א** משב"ק

## יחוס אליינס איז גארנישט

אין די יארן ווען איך בין שוין געווען עלטער, שוין זייענדיג אין אמעריקע בין איך געוואויר געווארן אז אונזער משפחה ציהט דעם יחוס צום הייליגן גאון וצדיק רבי מרדכי יפה ז"ל בעל הלבושים.

ווען איך האב געפרעגט מיין טאטן אויב ער האט געהערט דערפון, האט ער מיר געזאגט מיט א פשטות אז יא. האב איך אים געפרעגט פארוואס ער האט אונז דאס קיינמאל נישט פארציילט, האט ער געזאגט מיט א נאטורליכע פשטות "כ'האב מורא געהאט אז אויב וועט עס וויסן אז עטס האט געהאט א גרויסן זיידן, וועט עטס זיך האלטן פאר מיוחסים, אבער דער אמת איז אז יחוס אליינס איז גארנישט, נאר א איד דארף אליינס ארבעטן אויף זיך צו שטייגן בתורה ועבודה".

---

ז' תרטו) עס דערציילט אונזער זיידע

**הרה"ג ר' ישראל אביגדור סאמעט שליט"א**

## דער חפץ חיים וועט נישט קומען קיין ארץ ישראל

איך האב געהערט פון **הגה"ח רבי שלמה אליעזר מרגליות** ז"ל בשם אביו הגה"צ המקובל רבי ישעי' אשר זעליג ז"ל, וועלכער איז געווען פון די נאנטע תלמידים און מקורבים צום **סבא קדישא הגה"ק רבי שלמה אליעזר אליפנדרי זלה"ה**, אז ער האט אמאל דערציילט פארן סבא קדישא אז מ'שמועסט אז דער חפץ חיים ז"ל פון ראדין וויל ארויפקומען קיין ארץ ישראל.

האט אים דער סבא קדישא געענטפערט אויף לשה"ק "**הוא לא יבא**".

האט ער אים געפרעגט פון וואו ער נעמט דאס אזוי זיכער, האט ער אים געזאגט אזוי "פון הימל האט מען קובע געווען אז זיין ספר משנה ברורה זאל נתקבל ווערן בכל תפוצות ישראל, ממילא, אויב וועט ער קומען קיין ארץ ישראל, און ער וועט זעהן די שארפע חילוקי דיעות וואס איז דא ביים יהדות החרדית, און קומענדיג פון די ליטא וואס זענען נישט מלומדי מלחמה, וועט ער אוודאי מיינען אז דא איז דא סתם א מחלוקת קעגן דעם רב הרש"ע קוק שר"י, און ער וועט וועלן שלום מאכן צווישן ערליכע אידן וועט ער אים וועלן גיין באזוכן.

"און דאס איז זיכער אז ווי נאר ער וועט אריבער טרעטן דעם שוועל פון קוק, וועלן אים די ערליכע אידן פסל'ען, און זיי וועלן נישט מער אריינקוקן אין זיין ספר, פון דעם ווייס איך ברור אז משמים וועט מען נישט צולאזן אז ער זאל קומען קיין ארץ ישראל".

---

ז' תרטז) עס האט דערציילט אונזער זיידע

**הרה"ג ר' אורי שווארץ זלה"ה** מנהל ת"ת קר"י–מח"ס אורי וישעי

## אחת מהנה לא נשבר"ה

עס איז געווען בערך תש"מ-מ"א, ווען אונזער זיידע **הרה"ג ר' אורי** ז"ל איז געווען מנהל רוחני אין די סאטמארע ת"ת אין בני ברק האט זיך נישט גוט געשפירט, און ער האט געליטן אויף א שווערן בראך ל"ע.

ער האט נאך אין יענע טעג אנגעפירט א גרויסארטיגן מעמד הכנסת ספר תורה לע"נ **רביה"ק זלה"ה** אין בני ברק. א טאג דערויף איז ער געקומען צו פארן קיין טאראנטא זיך צו לאזן אפערירן ביי א גרויסן דאקטער וואס איז געווען א מומחה אין די אפעראציעס.

אויפן וועג איז ער געווען אין ניו יארק איז ער אריין אל הקודש פנימה נעמען ברכת קדשו פון **כ"ק מרן רבינו הברך משה זלה"ה**. דער רבי האט זייער אוועק געמאכט די אפעראציע, און ער האט געזאגט 'זיי וועלן דאך הייסן פארלירן וואג, עס איז א שאד די אפעראציע, זיי שניידן נישט סתם אזוי'...

אנקומענדיג קיין טאראנטא זאגט דער דאקטער אז ער זעהט נישט קיין שום בראך. דער טאטע האט זיך געבעטן ביים דאקטער אז ער ליידט ביטערע יסורים, און די דאקטורים אין אר"י האבן באשטעטיגט אז ער האט א שווערן בראך. דער דאקטער זאגט אים "איך קען שניידן, אבער עס איז נישטא קיין בראך".

דער טאטע האט גערופן צום רבי'ן און דערציילט וואס דא גייט פאר, האט דער רבי געהייסן אז ער זאל פרעגן נאך צוויי דאקטורים וואס זיי זאגן. עס האט זיך ארויסגעשטעלט אז איין דאקטער האט געזאגט אז ער האט יא א בראך, א צווייטער האט געזאגט אז נישט, האט ער מחליט געווען צו גיין נאך רוב, און מ'האט נישט געמאכט קיין אפעראציע.

לגודל הפלא זענען די יסורים פארשוואונדן געווארן, און די קומענדיגע צענדליגער יארן איז נישט געווען קיינמאל קיין זכר פון דעם בראך. (לעילו נשמת הרה"ג ר' אורי ב"ר אביעזר מרדכי ז"ל, היארצייט ר"ח חשון)

**כל הזכיות שמורות למערכת זקניך ויאמרו לך:** צו איבערגעבן הערות, סיפורי צדיקים - מנדב זיין א גליון לעילו נשמת, אדער נעמען א טייל אינעם קומענדיגן חלק וואס גייט בקרוב אין דרוק בס"ד: ביטע רופט די מערכת **Tellerkj@gmail.com/845-783-0735**